**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט 3.1 מיליאן דאלאר שליכטונג מיט LEFRAK ORGANIZATION פאר אומערלויבטע צוגעלייגטע טשארדשעס פאר וואסער**

***סטעיט טענענט באשיצונג איינהייט פארזיכערט איר גרעסטע שליכטונג נאך וואס אויספארשונג האט אפגעשטעלט אומלעגאלע וואסער באניץ טשארדשעס***

***שאפט פולע ריפאנדס מיט ריבית פאר טויזנטע רענט-רעגולירטע טענענטס***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) און ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal) קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האבן היינט געמאלדן א 3.1 מיליאן דאלאר שליכטונג מיט Lefrak Organization נאכפאלגנדיג א טענענט באשיצונג איינהייט (Tenant Protection Unit , TPU) אויספארשונג וואס האט אויפגעדעקט אומבארעכטיגטע צוגעלייגטע טשארדשעס פאר וואסער באניץ ביי 59 רענט-רעגולירטע געביידעס לענגאויס ניו יארק סיטי. די שליכטונג ברענגט אן ענדע צו די אומלעגאלע טשארדשעס, פארזיכערט פולע ריפאנדס מיט ניין פראצענט ריבית פאר כמעט צוויי טויזנט אפעקטירטע טענענטס, און פאדערט אנגייענדע זעלבסטשטענדיגע איבערזיכט צו פארזיכערן אז עס וועט אויסגעפאלגט. די שליכטונג רעכנט אריין Lefrak Organization'ס גאנצע רענט רעגולירטע פארטפאליאו, און יעצטיגע טענענטס וועלן באקומען א קרעדיט אין די סומע פון אלע געלט וואס איז באצאלט געווארן פאר וואסער באניץ פון ווען זיי האבן אנגעהויבן דינגען דעם דירה.

"מיר זענען פארפליכטעט צו מאכן דעם סטעיט מער עפארדעבל און וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער, און מיר וועלן נישט צולאזן אז אומלעגאלע טשארדשעס זאלן ארויפטרייבן די קאסטן פאר מיליאנער רענט רעגולירטע טענענטס," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "די היינטיגע שליכטונג וועט צוריקשטעלן די פארבאטענע טשארדשעס אין די טאשן פון טענענטס און שיקן א מאכטפולע מעסעדש אז אונזער טענענט באשיצונג איינהייט טוט ארבעטן אן אויפהער צו פארטיידיגן מיליאנער ניו יארקער דורך פארזיכערן אז רענט געזעצן ווערן אויסגעפאלגט און דורך באשיצן די צאל רענט רעגולירטע האוזינג וואס מיר פארמאגן."

TPU'ס אויספארשונג האט זיך אנגעפאנגען אין 2024 ווען זיי האבן זיך פארבינדן מיט Lefrak וואס האט גלייך איינגעשטימט צו אויפהערן בעטן געלט פון טענענטס פאר וואסער ביז די אורטייל פון א לעגאלע אפיעל דורך די אפיס פון רענט אדמיניסטראציע (Office of Rent Administration, ORA) ווערט ארויסגעגעבן. די שליכטונג אפמאך איז דורכגעפירט געווארן קורצליך נאך וואס די ORA האט באשטעטיגט די אפיעל אז Lefrak האט אומבארעכטיגטערהייט געבעטן געלט פון טענענטס פאר וואסער. אין די שליכטונג, האט Lefrak Organization איינגעשטימט אויפצוגעבן איר רעכט צו פארבינדעטע אפיעלס, איינגעשטימט אפצושטעלן אלע ווארטנדע ארטיקל 78 פראצעסן ביי די סטעיט סופרים געריכט, און צו גלייך פארגוטיגן אלע אפעקטירטע רענט רעגולירטע טענענטס דורכאויס איר פארטפאליאו.

די טערמינען פון די שליכטונג רעכענען אריין:

- אפשטעלן די טשארדשעס: Lefrak האט פארגעלייגט אז זינט אקטאובער 31, 2024, האבן זיי אויפגעהערט איינמאנען געלט פאר וואסער באניץ טשארדשעס אויסער די חודש'ליכע רענט, און זיי וועלן אין די צוקונפט גענצליך אויפהערן איינמאנען אזעלכע טשארדשעס.
- טענענט פארגוטיגונג: יעצטיגע טענענטס וועלן באקומען רענט קרעדיטס וואס דעקט יעדער דאלאר וואס זיי האבן באצאלט פאר וואסער טשארדשעס זייט'ן זיך ארייינציען אין זייערע דירות.
- ריפאנדס מיט ריבית: Lefrak וועט באצאלן אן אינטערעסט ראטע פון ניין פראצענט אויף אלע ריפאנדס וואס זיי זענען שולדיג.
- זעלבסטשטענדיגע איבערזיכט: Lefrak וועט דינגען, אויף זייערע אייגענע קאסטן, א זעלבסטשטענדיגע אודיטער צו נאכקוקן אנגייענדע איינהאלטונג פון די טערמינען פון די שליכטונג אפמאך.

**ניו יארק סטעיט הייםען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוט-ען ווינאסקעס) האט געזאגט,** "דאס איז א גוטע טאג פאר טענענטס און פאר די LeFrak Organization, וואס האט אויסגעוועהלט שנעל צו מיטארבעטן צו שליכטן די רעגולירונג געפעכט און פארזיכערן אז פארגיטיגונג דעקט פיל מער ווי בלויז די אריגינעלע טענענטס וואס האבן זיך באקלאגט. דאס איז וויאזוי רעגירונג ארבעט בעסט, צושטעלנדיג קלארע הצלחה פאר ניו יארקער און באשיצנדיג עפארדעביליטי. איך באגריס די טענענט באשיצונג איינהייט פאר'ן ראטעווען מער ווי 3.1 מיליאן דאלאר פאר כמעט צוויי טויזענט טענענטס, און פאר זייער אנגייענדע ארבעט צו באשיצן א מיליאן רענט רעגולירטע הויזגעזונדן."

**איבער די טענענט באשיצונג איינהייט**

TPU באשיצט רענטער'ס רעכטן דורך אויפכאפן און אפשטעלן איינפירונגען און פעלער פון לענדלארד שווינדלעריי און טשעפעריי דורך פרא-אקטיווע אודיטס, אויספארשונגען, און לעגאלע שריט. די TPU טוט איך מוטיגן דאס איינהאלטונג פון די געזעץ דורך אינפארמירן טענענטס און אייגנטומער איבער זייערע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן אונטער רענט רעגולירונג.

פאריגע מערץ, האט די TPU [ארויפגעשטעלט](#) א 400,000 דאלאר שליכטונג פאר Bottem Realty פאר שווינדלערישע און שפעטע דירה רעגיסטראציעס, איבעריגע רענט טשארדשעס, און טענענט טשעפעריי. אין פעברואר 2024, האט די TPU [געמאלדן](#) א 514,000 דאלאר שליכטונג קעגן Steve Croman (סטיוו קראומען) פאר'ן בעטן צופיל געלט פון טענענטס און פאר'ן פארלעצן די רענט געזעצן.

אויב א טענענט גלייבט אז מען בעט פון זיי צופיל געלט און/אדער זיי ווערן געטשעפעט, זאלן זיי זיך פארבינדן מיט די טענענט באשיצונג איינהייט אויף: 212-872-0788 אדער דורך אימעיל: TPUinfo@hcr.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן